15 געפאַלן פאַר אים אויף די קני, און געזאָגט: האַר,
דערבאַרעם דיך אויף מיין זון; ווייל ער איז אַ
חולה־נופל, און ליידט שווער; וואָרום אָפטמאָל
פאַלט ער אין פייער אַריין, און אָפטמאָל אין וואַסער
16 אַריין. און איך האָב אים געבראַכט צו דיינע
תלמידים, און זיי האָבן אים נישט געקענט אויסהיילן.
17 און ישוע האָט ענטפערנדיק געזאָגט: אָ אומגלויביק
און פאַרקרומט דור! ווילאַנג זאָל איך זיין ביי אייך?
ווילאַנג זאָל איך אייך דערטראָגן? ברענגט אים
18 אַהער צו מיר! און ישוע האָט אָנגעשריגן אויף אים,
און דער בייזער גייסט איז פון אים אַרויס, און דאָס
19 ייִנגל איז געזונט געוואָרן פון יענער שעה אָן. דעמלט
זענען די תלמידים צוגעגאַנגען צו ישוען, ווען זיי
זענען געווען מיט אים אַליין, און האָבן געזאָגט:
פאַרוואָס זענען מיר נישט געווען ביכולת אים
20 אַרויסצוטרייבן? און ער זאָגט צו זיי: צוליב אייער
קליינגלויביקייט! וואָרום באמת זאָג איך אייך: אויב
איר וואָלט געהאַט אמונה ווי אַ זענעפט־קערנדל,
וואָלט איר געזאָגט צו דעם דאָזיקן באַרג: הייב דיך
אויף פונדאַנען, דאָרטן אַהין! און ער וואָלט זיך
אויפגעהויבן, און קיין זאַך וואָלט נישט געווען
21 אוממעגלעך פאַר אייך. (דער דאָזיקער מין אָבער
גייט נישט אַרויס אַ חוץ דורך תפילה און פאַסטן.)
22 און בשעת זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין גליל, האָט
ישוע צו זיי געזאָגט: דער בן־אדם וועט איבערגעגעבן
23 ווערן אין די הענט פון מענטשן; און זיי וועלן אים
טייטן, און דעם דריטן טאָג וועט ער אויפשטיין. און
זיי זענען געוואָרן זייער באַטריבט.
24 און ווען זיי זענען געקומען קיין כפר־נחום, זענען
די איינמאָנער פון דעם האַלבן שקל צוגעקומען צו
פעטרוסן, און געזאָגט: אייער רבי צאָלט נישט דעם